**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/4/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אפליקאציעס פאר ניו יארק סטעיט׳ס ערשטמאליגע 25 מיליאן דאלערדיגע דיגיטאלע גיים דעוועלאפמענט שטייער קרעדיט פראגראם איז יעצט אפן**

***פראגראם אויסגעשטעלט איוף צו פארמערן דיגיטאלע גיים אינוועסטירונג און אונטערהייבן ניו יארק׳ס עקזיסטירנדע דיגיטאלע גיים דעוועלאפמענט אינדוסטריע***

***ניו יארק סטעיט צו פירן ערשט-אין-לאנד סטעיט-ברייטע פאוויליאן ביי דער 2023 גיים דעוועלאפער קאנפערענץ אין סאן פראנסיסקא***

***זעט נייע עמפייער סטעיט דיגיטאלע גיימינג לאגא [דא]***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז ערשטע אפליקאציעס זענען יעצט אפן צום ערשטמאליגן ניו יארק סטעיט דיגיטאלע גיים דעוועלאפמענט שטייער קרעדיט פראגראם אויסצוהאלטן גיימס וואס הייבן אן אנטוויקלונג אום אדער נאך יאנואר 1, 2023. דער ניו יארק סטעיט דיגיטאלע גיים דעוועלאפמענט שטייער קרעדיט פראגראם איז געצילט צו פארגרעסערן די דיגיטאלע גיים דעוועלאפמענט אינדוסטריע לענגאויס דעם סטעיט און פארשנעלערן עקאנאמישע אנטוויקלונג דורכ׳ן פארלייכטערן געוויסע פראדוקציע קאסטן. דאס איז א 25 מיליאן דאלערדיגע שטייער קרעדיט וואס וועט צוטיילן ביז 5 מיליאן דאלער פער יאר פאר פינף יאר.

״ניו יארק געפונט זיך שטענדיג ביים סאמע פארנט פון אינאוואציע אין אויפשטייגנדע אינדוסטריעס, און דיגיטאלע גיימינג איז נישט אנדערש,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דורך דער 25 מיליאן דאלערדיגע שטייער קרעדיט, וועלן מיר העלפן פארגרעסערן די דאזיגע בליענדע אינדוסטריע אין ניו יארק, שאפן דזשאבס און טרייבן אינוועסטירונג דורכאויס אונזערע קאמיוניטיס. יעצט איז די צייט צו ווייזן דעוועלאפער פארוואס אונזער סטעיט איז דער ארט צו אינוועסטירן אין דער צוקונפט פון דיגיטאלע גיימינג.״

גאווערנער האוקול האט אויך געמאלדן אז ניו יארק וועט זיין די ערשטע סטעיט אינעם לאנד צו פירן א סטעיט-ברייטע פאוויליאן ביי דער 2023 גיים דעוועלאפער קאנפערענץ — אן ערשטראנקיגע אינדוסטריע צוזאמענקונפט וואס קומט פאר אין סאן פראנסיסקא פון מערץ 20 ביז מערץ 24. ניו יארק האט אנגעהויבן אויפצונעמען ביזנעסער אנטיילצונעמען אינעם דעלעגאציע. אין צוגאב, האט גאווערנער האוקול אנטפלעקט ניו יארק סטעיט׳ס נייע דיגיטאלע גיים דעוועלאפמענט [לאגא] וואס וועט באגלייטן אלע גיימס אינצענטיווירט דורך דער דאזיגער פראגראם און אנטוויקלט געווארן אינערהאלב ניו יארק סטעיט.

**עמפייער סטעיט דיגיטאלע גיימינג מידיע פראדוקציע קרעדיט פראגראם**

ניו יארק סטעיט איז איינע פון די לאנד׳ס פירער אין דער דיגיטאלע געימינג דעוועלאפמענט אינדוסטריע, אנבאטנדיג א ברייט-ארומנעמנדע עקא-סיסטעם פאר דיגיטאלע געים סטודיאס צו בליען, צוליב אומפארגלייכבארע שטארקייטן אין פארגעשריטענע טעכנאלאגיע, שעפערישע קונסט און אונטערהאלטונג. דער ניו יארק סטעיט דיגיטאלע געים דעוועלאפמענט שטייער קרעדיט פראגראם איז געצילט צו פארשנעלערן עקאנאמישע אנטוויקלונג דורכ׳ן פארלייכטערן געוויסע פראדוקציע קאסטן פארבינדן מיט׳ן פראדוצירן דיגיטאלע געימס אינערהאלב ניו יארק סטעיט.

קוואליפיצירטע דיגיטאלע געים דעוועלאפמענט סטודיאס וועלן דארפן אריינגעבן זייערע אנהייב אפליקאציעס צו ניו יארק סטעיט בעפארן אנהייבן א פראיעקט. איינמאל דאס פראיעקט איז פארענדיגט און די ענדגילטיגע אפליקאציע איז אונטערגעזוכט, קענען אפליקאנטן באקומען שטייער קרעדיטס ביז צו 25 פראצענט פון קוואליפיצירנדע פראדוקציע קאסטן אין ניו יארק סיטי, און 35 פראצענט אינדרויסן פונעם ניו יארק סיטי מעטראפאליטען קאמיוטער טראנספארטאציע דיסטריקט.

צו קוואליפיצירן, דארף דאס קערפערשאפט זיין באשעפטיגט אין א קוואליפיצירנדע דיגיטאלע געימינג מידיע פראדוקציע און דארף האבן א מינימום פון 100,000 דאלער אין טאטאלע פראדוקציע קאסטן. א מינימום פון 75 פראצענט פון די טאטאלע פראדוקציע קאסטן מוזן זיין אנגעזאמלט און געצאלט דורכ׳ן אפליקאנט פאר ארבעט דורכגעפירט און / אדער סערוויסעס אויסגעפירט אינערהאלב ניו יארק סטעיט אז דער דיגיטאלע געימינג מידיע פראדוקציע זאל קוואליפיצירן. דאס פראיעקט דארף זיך אנהייבן אום אדער נאך יאנואר 1, 2023.

בארעכטיגטע אויסגאבן פאר קוואליפיצירנדע פראדוקציעס רעכענען אריין:

- סיי וואספארא קאסטן פאר געהאלטן געצאלט צו אינדיווידועלן, אויסער אקטיארען אדער שרייבער, דירעקט איינגעשטעלט אין דער שאפונג פון א דיגיטאלע געימינג מידיע פראדוקציע אדער פראדוקציעס
- צאלונגען פאר סערוויסעס דורכגעפירט אין דיגיטאלע געימינג מידיע פראדוקציעס הויפטזעכליך אין דער אנטוויקלונג, אויסשטעל, פראדוקציע, עדיטינג, און צוזאמשטעל פון דיגיטאלע געימינג מידיע
- קאסטן טארן נישט אריינרעכענען אויסגאבן אנגעזאמלט פאר די דיסטריביושען, מארקעטינג, אונטערהייבונג, אדער רעקלאמירונג אינהאלט.

פאר פירמעס מיט מער ווי 10 איינגעשטעלטע, זענען די געהאלטן פון עקזעקיוטיוו שטאב נישט בארעכטיגט. מאקסימום קוואליפיצירנדע קאסטן פון 4,000,000 דאלער פער פראיעקט מעג געניצט ווערן אין דער חשבון פונעם דיגיטאלע געים דעוועלאפמענט שטייער קרעדיט. ביז 100,000 דאלער אין געהאלטן געצאלט צו סיי וועלכע אינדיווידועל איינגעשטעלט, קען געניצט ווערן אין דער חשבון פון דעם דאזיגן קרעדיט.

אפליקאציעס קען מען געפונען אויפ׳ן ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ וועבזייטל דא.

## **געים דעוועלאפער קאנפערענץ 2023**

ניו יארק וועט זיין די ערשטע סטעיט אינעם לאנד צו פירן א סטעיט-ברייטע פאוויליאן ביי דער געים 2023 דעוועלאפער קאנפערענץ, דער דיגיטאלע געים דעוועלאפמענט אינדוסטריע׳ס ערשטראנקיגע צוזאמענקונפט, וואס קומט פאר אין סאן פראנסיסקא פון מערץ 20 ביז מערץ 24. דער פאוויליאן טוט פארשטעלן דאס וואוקס פון געים דעוועלאפמענט לענגאויס ניו יארק סטעיט — היים צו ערשטראנקיגע

פירמעס און איקאנישע געימס — און צו וועלט-בארימטע אוניווערסיטעט געים דעוועלאפמענט פראגראמען וואס שאפן א שטראם פון אינדוסטריע טאלאנט.

ניו יארק סטעיט טוט יעצט איפנעמען געים דעוועלאפמענט פירמעס אינטערעסירט צו אנטיילנעמען אינעם סטעיט-ברייטע פאוויליאן אום מערץ. ביזנעסער אינטערעסירט קענען לערנען מער איבער דעם אונטערנעמונג [דא]() און קענען קאנטאקטן NYDigitalGameDev@esd.ny.gov מיטצוטיילן זייערע אינטערעסע.

די סטעיט האט אינוועסטירט מער ווי 20 מיליאן דאלער אין דיגיטאלע געים דעוועלאפמענט ביי ניו יארק אוניווערסיטעט, רענעסעלער פאליטעכניק אינסטיטוט און ראטשעסטער אינסטיטוט פון טעכנאלאגיע צו בויען אינדוסטריע אינאוואציע און צוזאמארבעט דורך מענטארשאפט און קאמיוניטי פארבינדונג, וואס שפיגלט אפ שטיצע פאר אינדוסטריע וואוקס. די צענטערן האבן געשאפן מער ווי 120 דזשאבס און געפירט צו דער אנטוויקלונג פון מער ווי 110 געימס.

**<u>עמפייער סטעיט דיגיטאלע גערימינג לאגא</u>**

ניו יארק סטעיט׳ס נייע דיגיטאלע געים דעוועלאפמענט לאגא באשטעטיגט אז א געים איז אנטוויקלט געווארן אינערהאלב ניו יארק סטעיט, און וועט זיין בערעכטיגט פאר פראיעקטן וועלכע ווענדן זיך אן פאר דעם קרעדיט פראגראם. די עמפייער סטעיט דיגיטאלע גערימינג לאגא קען מען געפונען [דא]().

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״אינוועסטירן אין ביזנעס געמיינדעס ווי צום ביישפיל ניו יארק סטעיט׳ס אויפקומענדע ווידעאו געים אינדוסטריע טוט צוציען דעוועלאפער, סטודיאס און אנדערע הינזיכטן פון דער אינדוסטריע צום סטעיט. דער ניו יארק סטעיט דיגיטאלע געים דעוועלאפמענט שטייער קרעדיט וועט פארזיכערן אז מיר זענען פאר צו פארשטערקערן דאס ווידעאו געים עקא-סיסטעם, וואס וועט צוציען דזשאבס און אינוועסטירונג צו ניו יארק סטעיט.״

**סטעיט סענאטאר נעיל ברעסלין האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט איז היים צו געוויסע פון די מערסט שעפערישע מענטשן אין דער אויפקומענדע דיגיטאלע גערימינג אינדוסטריע. די שאפונג פונעם עמפייער דיגיטאלע גערימינג מידיע שטייער קרעדיט וועט יעצט העלפן שאפן אן עקאנאמישע ענווייראָנמענט גינציג פאר איר וואוקס. איך אפלאדיר סיי גאווערנער קעטי האוקול און סיי קאמיסיאנערין פון ESD האופ נייט פאר זייער פארפליכטונג צו זען אז ניו יארק סטעיט ווערט דאס סאמע הארץ פון דער דאזיגער בליענדער אינדוסטריע.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאן טי. מעקדאנעלד דער דריטער האט געזאגט,** ״דער דיגיטאלע געים שטייער קרעדיט איז נאך א קריטישע מיטל צו פארגרעסערן די גערימינג אינדוסטריע דא אינערהאלב ניו יארק. איך גלייב שטארק אז דער דאזיגער קרעדיט וועט אינספירירן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין אונזער גערימינג גרופע קאמיוניטיס ווי צום ביישפיל טרוי, אלבאני, און סאראטאגע אינעם קאפיטאל ראיאן אבער אויך לענגאויס דעם סטעיט אריינגערעכנט די נארט קאנטרי און די ראטשעסטער געגנטער. אין צוגאב, וועט דער קרעדיט העלפן צוציען און אנהאלטן יונגע שעפערישע מוחות צו רופן ניו יארק אלס היים וואס ווייזט ארויס דאס ברייטע און אריינגעמענדע לעבנס-קוואליטעט מיר אלס ניו יארקער געניסן פון. איך האב שטארק גע׳שתדל׳ט פאר פינאנצירן דער עמפייער סטעיט דיגיטאלע גערימינג מידיע פראדוקציע קרעדיט פראגראם אין דער ניו יארק סטעיט בודזשעט און דורכגעפירט לעגיסלאציע אויף צו שטיצן פינאנצירונג פאר דעם דאזיגן וויכטיגן קרעדיט. איך שעץ די באמיאונגען פון גאווערנער קעטי האוקול, ספיקער קארל היעסטי, מאיאריטעט פירער סטווארט-קוזינס, און אונזערע לאקאלע גערימינג אינדוסטריע אנפירער וועלכע פארווירקליכט דעם וויכטיגן פראגראם.״

**איבער ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳**

׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ איז ניו יארק׳ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. די מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אנטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפונג און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די ׳איי לאָוו ניו יארק׳ קאמפיין, די סטעיט׳ס איקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, באזוכט http://www.regionalcouncils.ny.gov/ און http://www.esd.ny.gov/.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418